**גוט שבת אלע אידן.** ר' אברהם שטערן איז אן עלטערער איד אין די הויכע אכציגערס. היינט פארברענגט ער זיין עלטערע יארן אין באר שבע זיצענדיק אויף דעם "מרפסת" אין ווארמען ארץ ישראלדיגען זון, לערנט תורה און זאגט תהלים דעם גאנצען טאג. אפילו עס ווערט הייס אין באר שבע, ווערט עס נישט צו הייס פאר אברהם, ווייל ער האט געלעבט עטליכע שרעקליכע יארן אין דעם קאלטן גהינם פון סיביר אין רוסלאנד. דאס גיין איז זייער שווער פאר אברהם, ער גייט ארויס פון דער היים זייער ווייניג, נאר צו גיין אין שול פון מאל צו מאל. דעם שפיטץ פון די וואך פאר אים איז פרייטאג צו נאכטס, ווען ער זיצט לעבען די הייליגע שבת לעכט, טראכטענדיג וועגן אלע זיכרונות פון זיין לעבן אינדערהיים פאר די מלחמה.

ליכט בענטשן איז געווען א הייליגע צייט ביי דער שטערן משפחה אין לאדז פוילען. אלע קינדער פלעגן קומען צוזאמען צו זען ווי זייער מאמע האט געצינדן לעכט. דאס קלענסטער קינד שלמהלע פלעגט זיצן ביי די ליכט די גאנצע נאכט ביז זיי זענען אויסגעלאשן געווארן אדער ביז ער איז איינגעשלאפן. איין פרייטאג צונאכטס איז געשען אן אומגליק. די שבת ליכט זענען אראפגעפאלן אויפן קליינעם קינד שלמהלע און זיין האנט איז אפגעבריט געווארן. ב"ה אז שלמהלע האט געהאט א רפואה שלימה, אבער עס איז געבליבן אויף זיין האנט א רושם פון דעם פייער וואס האט אים אפגעבריט.

עטליכע יארן שפעטער זענען געקומען די שווערע צייטן פון דער צווייטער וועלט קריג. די אידן האבן געהערט שמועות וועגן די דייטשע ימ"ש. אברהם האט עס נישט געגלייבט ביז די רשעים זענען אריינגעקומען אין זיין שטעטל און זיי האבן אוועקגענומען אברהם'ס פרוי און קינדער. אברהם איז אנטלאפן צו די וואלד וואו ער האט געקריגט קעגען די דייטשע מיט די פארטיזאנערס.

ביים ענד פון דער מלחמה, האט די רוסישע ארמיי איינגענומען דעם געגענט און זיי האבן געפאנגען אברהם. זיי האבן געטענעט אז אברהם האט געקריגט קעגען די רוסישע אויפן זייט פון די דייטשע. דאס איז בכלל נישט געווען די אמת. די רוסישע זענען געווען זייער פארדרייטע רשעים. זיי האבן געשיקט אברהם קיין סיביר.

די רוסישע זענען געווען אנדערש ווי די דייטשע ימ"ש. די דייטשע האבן שנעלערהייט געהרגט די אידן, אבער די רוסישע האבן געהרגט די אידן דורך שווערע ארבעט, קעלט, הונגער, און יאוש. אברהם האט ב"ה זוכה געווען איבערצולעבן די שווערע יארן אין דעם ארבעטסלאגער. אבער רוב האבן ליידער נישט. אין די יארן אין דעם ארבעטסלאגער האט אברהם אריינגעלייגט אלע כוחות וואס איז געווען מעגליך צו העלפן אנדערע איינגעשפארטע אידן האלטן אידישקייט. ער האט ערלעדיגט א "שול" אין א אלטע בודקע לעבן דעם לאגער. די צובראכענע אידן זענען צוזאמענגעקומען יעדען טאג אינדערפרי צו דאווענען אין דעם פינסטערניש פאר די רוסישע שומרים פונעם לאגער זענען אויפגעשטאנען.

אין שמחת תורה האבן זיי געטאנצען צוזאמען אין דעם קאלטן בודקע מיט אלע כוחות וואס זענען איבערגעבליבן אין זייערע שוואכע קערפער. ווען חנוכה איז געקומען, האבן זיי געצינדען לעכט. אין פסח האבן זיי צוזאמענגענומען מעל און זיי האבן געהאט מצה.

אין תשי"ג האט מען געהערט די פריליכע בשורה אז דער המן סטאלין ימ"ש איז אוועק. די נייע רעגירונג האט געגעבן חנינה פאר אסאך אידען אין תפיסה. אברהם איז געווען איינער פון די אידן וואס זיי האבן באפרייט. די לעצטע פרייטאג פאר ער ווער ממש באפרייט ווערן, איז אברהם געגאנגען אויפן וועג צו דעם בודקע מיט צוויי שבת לעכט פאר די זמן. ער האט געוואלט זיצן נאך איין מאל איז דעם באהאלטענעם "שול." ער האט גענומען זיין קליינעם תהלים. אפילו ער וועט באפרייט ווערן אפאר טעג נאכדעם איז עס נאכאלץ א סכנה געווען צו דאווענען אין דעם "שול" ווייל די רשעים האבן געאסרט אידישקייט.

פלוצלינג ווען אברהם האט געהאלטן אין מיטן זאגן תהלים ביים לעכט, איז אריינגעקומען אין דעם בודקע איינער פון די רשעותדיגע אפיצירן וואס האט געהייסן "נאטישקא". "אהא!" האט דער רוסישער סאלדאט געזאגט צו אברהם, "יעצט האב איך דיך געכאפט דאווענען און צינדען ליכט!" נאטישקא האט ארויסגענומען זיין ביקס, גרייטענדיג צו שיסן אברהם.

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן דער פרשה. פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון גלות מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע אותות און מופתים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים." – און איך גיי פארמערען מיינע צייכענעס און מיינע וואונדער אין די לאנד פון מצרים. (שמות ז,ג) אזוי ווי מיר האבן עטליכע מאל שוין דערמאנט, חז"ל זאגן אז גלות מצרים איז געווען א דוגמא פאר אלע אנדערע גליות. אזוי ווי פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע מופתים, אזוי אויך וועט עס זיין ווען דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן פון דער היינטיגער גלות, ד"ה עס וועט זיין מיט אותות און מופתים.

ווי נענטער מען קומט צו די גאולה שלימה, ווייזט דער באשעפער מער און מער מופתים דורך השגחה פרטית. משל למה הדבר דומה, די קינדער ווייסן אז עס וועט באלד זיין דער צייט צו עסן נאכטמאל ווען זיי שמעקען דעם ריח פונעם עסן ארויסקומען פון קאך. איז לאמיר שוין ענדיגען די פלא'דיגע השגחה פרטית מעשה פון היינטיגע צייטן. לאמיר יעצט ענדיגען דעם מעשה...

נאטישקא האט אראפגעלייגט דעם ביקס, ווייל ער האט געוואלט שעדיגען אברהם מיט זיין הענט. דער סאלדאט האט ארויפגעשלעפט זיין ארמעל גרייטענדיג צו שלאגן דעם איד. אברהם האט נישט געגלייבט אז ער איז געווען אזוי נאנט צו ווערן אויסגעלייזט און דער גוי האט נאכאלץ געוואלט אים הרגענען. ווען נאטישקא האט ארויפגעריקט זיין ארמעל, האט אברהם אבער געזען אן אינטערעסאנטן זאך. דער סאלדאט האט געהאט א צייכן אויף זיין האנט אזוי ווי ער איז פארברענט געווארן אויף יענע פלאץ.

"שלמהלע!" האט אברהם געשריגן. דער סאלדאט האט גארנישט געזאגט, ער האט נאר געקוקט אויף די צוויי ליכט. "טאטי?" האט דער סאלדאט געזאגט נאך א לאנגע אומבאקוועמליכע שטילקייט. הפלא ופלא. דער סאלדאט איז געווען אברהם'ס פארלוירענע זון וואס די דייטשע האבן אוועקגענומען און וואס איז לכאורה אויפגעהאדעוועט ביי רוסישע גוים!

אברהם האט פארלאזט דעם לאגער אפאר טעג שפעטער פאר לאזענדיק דער גהינם. באלד דערנאך האט ער ב"ה זוכה געווען צו פארן קיין ארץ ישראל. עס האט גענומען אפאר יאר ביז זיין זון שלמה האט געקענט פארלאזן דעם ארמיי און נאכדעם איז ער אליינס געקומען וואוינען אין ארץ ישראל צוזאמען מיט זיין טאטען. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר משה שפוטץ שליט"א לרגל שמחת לידת נכדו אצל חתנו מוה"ר יעקב יוסף טויבער הי"ו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**